# מעשה

# ר׳ יוסף דילה ריינה

דא ווערט דער צײלט דיא גרויסע וואונדערליכע מעשה פון ר׳ יוסף דילה ריינה זיא איז שוין לאנג מפורסם פאר איין וואונדערליכע זאך · וואס זיין תלמיד אליין האט דאס גישריבין אויף לה״ק · אונ היינט איז דאס איבער גיזעצט אויף דייטש · כדי עס זאל פאר שטיין גרוים אונ קליין :

## ווארשא

בשנת תרמ״א לפ״ק

МААСЕ ІОСИФЪ ДЕЛАРЕЙНЪ.

съ Виленскаго изданія 1879 года.

ВАРШАВА
1881 года.

# מעשה רבי יוסף דילה ריינה

איין וואונדערליכע מעשה וואס האט זיך גיטראפין מר' יוסף דילה ריינה וואס ער האט גיטאן דורך דער חכמה וואס הייסט קבלה :

(ויהי היום) האט זיך ר' יוסף דילה ריינה מישב גיוועזן ער זאל אראפ ברייגגען משיח אונ דער שטן זאל בטל ווערין פון דער וועלט ער האט גיהאט פינף תלמידים וואס האבין אויך גיקענט זייער גוט דיא חכמה אונ זיינען מיט אים גיזעסין טאג אונ נאכט האט ער צוא זייא גיזאגט מיינע קינדער איך האב מיך מישב גיוועזן אז עס איז ניט גליך אז מיר זאלין אונזערע טעג פאר ברייגגען מיט נישט ווארום ניט אום זיסט האט אונז (השי"ת) גיגעבין אז מיר זאלין קענען דיא חכמה וואס הייסט קבלה נאר צוא טאן נחת אונזער באשעפער אוועק צוא טרייבין דיא טומאה פון דער וועלט אונ צוא ברייגגען משיח אז ער זאל אונז אויס לייזין פון דיא צרות האבין דיא תלמידים אלע מסכים גיוועזן אונ האבין גיזאגט מורינו ורבינו מיר זיינען גיגרייט צוא אלעם וואס איר וועט הייסין ווארום גאט איז מיט אייך אונ מיר זיינען אייערע קנעכט אונ תלמידים דרום טוט וואס איר ווילט האט ער צוא זייא גיזאגט אם כן זייט אייך טובל דרייא טעג אונ טוט אן אנדערע קליידער אונ גרייט אייך אן צוא עסין אויף לאנג ווארום אין דעם דריטין טאג וועלין מיר ארויס גיין אין פעלד אונ מיר וועלין ניט צו ריק קומען ביז מיר וועלין אויס פירין אז דיא יודין זאלין אויס גילייזט ווערין מיט גאטס הילף וואס ער העלפט אלע שוואכע · דיא תלמידים זיינען באלד גיגאנגען מיט גרויס חשק אונ האבין אן גיטאן ריינע קליידער אונ האבין מיט גינומען צוא עסין שפייז וואס זייא האבין גימאכט בטהרה · אונ איין אשה האט זייא ניט אן גירירט אין דעם דריטין טאג זיינען זיי גיקומען צוא אים אונ האבין גיזעהען וויא ער שטייט אליין אין בית המדרש אונ לערינט מיט גרויס פרומקייט אונ הייליקייט אונ דיא קאפ אראפ גילאזין צווישין דיא קניען · אונ וויא זייא זיינען אריין גיקומען האט ער אוף גיהויבין דיא קאפ אונ האט גיזאגט קומט אהער ליבע קינדער · (השי"ת) זאל אונז העלפין אונ זאל מסכים זיין צוא אונז פון וועגין זיין הייליגין נאמען · האבין זייא גיזאגט אמן · איר זאלט באגליקין אונ (השי"ת) זאל אייך העלפין · אונ דער נאך האט רבי יוסף גינומען אלע מיני איינגימאכץ אונ איין טינט אונ פעדער · אונ האט גיזאגט צוא דיא תלמידים קומט מיר וועלין גיין זיינען זייא גיגאנגען קיין מירון אויף דעם קבר פון רבי שמעון בן יוחאי מתפלל זיין · אונ האבין דארטין גינעכטיגט · נאר זייא האבין ניט ני שלאפין

Дозволено Цензурою.—12 Марта 1881 г. Вильно

296.782

23VI41/85

въ Тип. Х. Кельтера Тломацкая ул. № 9 въ Варшавѣ.

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי ירושלים

געשלאפן דיא [illegible]ע נאכט · פאר טאג איז רבי יוסף אנטשלאפן געווארן · אין [illegible] רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זון רבי אליעזר צו חלום געק[illegible]ן אונ [illegible]יא האבין צו אים געזאגט וואס גענמסטו אוף דיר אזוא איין שווערע זאך צו טאן וואס דוא וועסט עס ניט אויס פירין נאר דיין כוונה איז גוט דרום זאלסטו דיך שטארק היטין אונ געווארינט זיין · האט ער צו זייא געזאגט (השי"ת) ווייס מיין כוונת אונ ער וועט מיר העלפין וועגין זיין נאמען ער זאל געהייליגט ווערין צווישין דיא פעלקער האבין זייא געזאגט (הלואי השי"ת) זאל דיר העלפין · אין דער פריא זייגען זייא געגאנגען ארום (טבריה) אין איין וואלד אריין אונ זייא זיינען געזעסין איין גאנצין טאג אונ האבין געפאסט אונ געלערינט אונ האבין ניט געקוקט אויף קיין מענטש אפילו אויף איין חיה נאר אויף עופות · אונ האבין עוסק געוועזן אין שמות הקדושים מיט גרויס הייליקייט אונ מורא . אונ האבין זיך אלע טאג אין דר פריא טובל געוועזן אין ים פון (טבריה) זעקס אונ צוואנציג מאל אונ האבין מכוין געוועזן ביא יעדער טבילה גרויסע כוונות אזוא וויא זייא ווייסין · אזוא האבין זייא געטאן דרייא טעג אונ דרייא נעכט · אונ נאך דעם תענית · האבין זייא ניט געגעסין קיין פלייש אונ קיין פיש · אונ האבין קיין וויין אונ קיין ביר ניט געטרונקען ·

ויהי היום דאס זייא האבין געדאבינט מנחה מיט איין זיסין קול אונ מיט גרויס כוונה אונ האבין געזאגט עננו אונ וויא זייא האבין געזאגט דעם שם האבין זייא געזאגט מיט אנדערע נקודות אזוא וויא דיא מקובלים ווייסין · אונ רבי יוסף האט געזאגט זייער איין גרויסע תפלה אונ האט שטארק געבעטין אונ באשווארין אלע מלאכים אז זייא זאלין אים באהילפיג זיין · אונ צום סוף האט ער באשווארין (אליהו הנביא ז"ל) מיט דעם כח פון דעם גרויסין שם אז ער זאל באלד צו אים קומן טאכענדיג אונ זאל איר זאגין אונ לערנען וואס צו טאן אז ער זאל קענען דיא זאך אויס פירין · אונ האבין אפ געדאבינט אונ געזאגט תחנון · אונ באלד נאך תחנון איז אליהו הנביא געקומען זייער איילינדיג · אונ האט זיך פלוצלונג פאר זייא באוויזן אונ האט געזאגט יעצט בין איך דא וואס זאל איך אייך טאן . אונ וואס איז אייער געבעט וואס איר האט אזוא פיל תפלה געטאן . האבין זיך רבי יוסף מיט זיינע תלמידים אויף געשטעלט אונ האבין זיך געניגט פאר אים צו דער ערד . אונ האבין געזאגט צו דיר אונזער הער דער פאטער אונ דעם פירער פון דיא יודין . דער הייליגער נביא וואס זאגט דיא יודין גוטע בשורות . עס זאל ניט פאר דריסין אונזער

הער



הער וואס מיר האבין געארבעט אז דוא זאלסט קומן · ווארום השי"ת ווייס דעם אמת אז ניט פאר מיר אונ פון מיין כבוד וועגין האבין מיר דיך מטריח געוועזן נאר איך האב מקנא געוועזן אן דעם כבוד פון השי"ת . אונ עס איז ראוי אז דוא זאלסט דיך בוודאי מקנא זיין פון זיינט וועגין ווייל דאס איז דאך דיין מדה · דרום זאל מיין געבעט אן גענומען ווערין פאר דיר אז דוא זאלסט מיר ווייזין דעם וועג וויא אזוא איך קען איין נעמין דיא קליפות פון דינר אז דער כח פון קדושה זאל זיך שטארקין · האט אליהו הנביא געענטפערט אונ האט צוא אים געזאגט דוא זאלסט וויסין אז דיא זאך וואס דוא ווילסט טאן איז זייער שווער פאר דיר אונ דוא וועסט דאס ניט אויס פירין ווייל איבער דיא זינד האבין זיך דיא קליפות זייער געשטארקט אונ דוא וועסט זייא ניט ביי קומן · ווארום מען דארף דער צוא האבין נאך מער טהרה אונ טבילות אונ זיך פייניגין אונ זיך גאר אפ צוא שיידין פון דער וועלט · אונ אן דעם קענען זייא דיר שלעכט טאן אונ דוא קענסט זייא ניט בייא קומען · דיין כוונה איז בוודאי זייער גוט אונ אויב דוא וועסט קענען אויס פירין וועט זיין וואול צוא דיר · אבער מיין עצה איז אז דוא זאלסט דאס אויף הערין ווייל עס איז זייער שווער אז דוא זאלסט דאס אויס פירין · האט רבי יוסף געזאגט ניין מיין הער דוא זאלסט מיך ניט אפ שלאגין נאר דוא זאלסט מיך שטארקין ווארום איך האב געשווארין אז איך זאל ניט אהיים קומען ביז איך וועל דאס אויס פירין אז דיא שכינה הקדושה זאל דער הייבט ווערין · אונ דוא נאמס געבענטשטער זאלסט אונז העלפין אונ זאלסט מיך לערנען וואס צוא טאן אונ איך וועל בוודאי היטין אלעם וואס מיין הער וועט מיר הייסין · אונ איך בין געגרייט זיך מוסר נפש צוא זיין אונ צוא שטארבין פון כבוד השי"ת וועגין · נאר זאג אונז וואס מיר זאלין טאן ווארום מיר לעהנען זיך אן נאר אויף דיר :

וויא אליהו הנביא האט געהערט אז ער וויל זיך מסית זיין פאר דעם כבוד פון הקב"ה אונ זיין שכינה · האט ער צוא אים געזאגט וואס זאל איך דיר מער זאגין אז דוא וועסט דיך באמת קענען שטעלין קעגען דיא קליפות אונ דוא וועסט טאן אלעם וואס איך וועל דיר זאגין וועט דיר בוודאי גוט זיין אונ וואול וועט זיין דיין גורל · אונ איצט זאג איך דיר דאס זאלסטו טאן דוא מיט דיינע תלמידים זאלט איר זיצין אין פעלד ווייט פון מענטשין אזוא וויא איצט · אונ איר זאלט פאסטין איין אונ צוואנציג טעג ניט צוא עסין נאר ביא נאכט אונ גאנץ ווייניג נאר דאס לעבין צוא דער האלטין · אונ נאר ברויט

מיט

מיט וואסער · אונ אלע נאכט זאלט איר וויינינגער עסין ביז איר וועט זיך איין גיוואוגען גאנץ וויינינג צוא עסין : אונ איהר זאלט זיך גיוואוגען צוא שמעקין בשמים כדי צוא ריינינגין דעם גוף אז איהר זאלט קענען אוים האלטין אז דיא מלאכים וועלין זיך באווייזין צוא אייך וואס דוא וועסט זייא מוזין אראפ ברייננגען מיט זייא צוא ריידין אונ אלע טאג זאלט איר זיך איין אונ צוואנציג מאל טובל זיין · נאך דער צייט זאלט איר פאסטין דרייא טאג דורך אנאנדער טאג אונ נאכט אונ אין אויך אלע טאג איין אונ צוואנציג מאל זיך טובל זיין · אונ אין דעם דריטין טאג נאך מנחה זאלטו זאגין דעם גרויסין שם (מ"ב) אזוא וויא דוא ווייסט · אונ דעם גרויסין שם וואס איז אין דעם פסוק (שרפים עומדים מ[illegible] אזוא וויא דוא ווייסט · אונ אז איהר וועט דאס טאן זאלט אי[illegible] גיטאן אין טלית אונ אין תפלין איבער דעם פנים · אונ איר זאלט בשווערין מיט דיא שמות דעם גרויסין מלאך (סנדלפון) מיט זיין גאנצער מחנה אז זייא זאלין קומען · אונ אז זייא וועלין קומען זאלט איהר זיך שטארקין מיט דעם ריח פון בשמים וויל איר וועט זייער שוואך ווערין פון דעם פחד פון דיא מלאכים מיט דעם גרויסין פייער אונ שטורעם וואס וועט ווערין דורך זייא · אונ איר זאלט באלד פאלין אויף דער ערד אונ שרייאן גאנץ הויך (ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד) וועט באלד דער מלאך (סנדלפון) מיט זיין מחנה זאגין וויא פאלט איהר אוים אונז צוא רופין · איהר וועט אבער גאר ניט קענען ענטפערין פאר גרוים פחד דרום זאלט איר דעמאלט שמעקין בשמים · אונ בעטין דיא מלאכים מיט גרוים גיבעט אז זייא זאלין אייך שטארקין כדי איר זאלט כח האבין צוא ריידין אונ אז איהר וועט זאגין דעם גרויסין מלאך וואס איהר ווילט וועט ער אייך שוין זאגין וואס צוא טאן · וויל ער היט דעם וועג אז דער שטן מיט דיא קליפות זאלין ניט אריין גיין אין דיא ערטער פון דער קדושה דרום ווייס ער מיט וואס דער שטן שטארקט זיך אונ מיט וואס ער קען צוא בראכין ווערין · אונ השי"ת זאל מיט אייך מסכים זיין אונ ער זאל אייך העלפין :

אליהו הנביא איז אוועק גיגאנגין אונ רבי יוסף מיט דיא תלמידים האבין באלד אנגיהויבין זיך צוא שטארקין מיט קדושה · אונ האבין אלעס גיטאן וויא אליהו הנביא האט זייא גיזאגט · זייא האבין גילערינט טאג אונ נאכט אונ האבין גאר ניט אין זין גיהאט דיא וועלט נאר גיטראכט חכמה אונ הימיל נאכין ביז זייא זיינען גיווארין כמעט וויא מלאכים · אונ וויא עס איז אוים גיגאנגען דיא צייט וואס אליהו

הנביא



הנביא האט זייא אוים גיזעצט האבין זייא גידאווינט מנחה מיט גרוים כונה דיא טליתים איבער דיא קעפ · אונ האבין געזאגט עננו אונ תחנון אונ דער נאך האבין זייא מתודה גיוועזן אויף זייערע זינד אונ אויף דיא זינד פון אלע אידין · צום סוף האבין זייא געשריען עננו אלהי המרכבה עננו · אונ האבין באשווארין דעם מלאך סנדלפון מיט זיין גאנצע מחנה מיט דיא שמות וואס אליהו הנביא האט זייא גיהייסין כדי זייא זאלין קומען צוא זייא . אונ באלד וויא זייא האבין געזאגט איז געקומען דר מלאך סנדלפון מיט זיין גאנצע מחנה. אונ עס איז געווארין אגרויסער שטורעם פון זייא עס איז גווארין פול מיט פייער דיא גאנצע וועג איז רבי יוסף מיט די תלמידים אנידר גיפאלין חלשות פאר גרוים פחד· זייא האבין זיך אבער גישטארקט אונ האבין גישמעקט בשמים זיינען זייא צוא זיך געקומען · זייא האבין אבער דאך ניט גיקענט ריידין פאר גרוים ציטערניש · אונ וויא דער מלאך איז גיקומען האט ער גיטאן אגישרייא וויא פאלסטו אוים אזעלכעם צוא טאן · דוא זינדיגער מענטש וויא האסטו גיקענט האבין אזוא איין חוצפה צוא דער וועקין אלע אויבערשטע וועלטין אונ דוא האסט ניט גיקוקט אויף דיין נידעריגין שטאנד · דרום זעה זיך אפ פון היינט אן אונ טוא שוין ניט מער אזעלכעס כדי דוא זאלסט ניט פאר ברענט ווערין פון דעם לופט פון מיין מחנה ·

הט רבי יוסף גענפערט מיט אגאנץ נדריגין קול אונ מיט גרוס ציטערנעס· אונ האט גזאגט מיין הער געטליכער אונ היליגר מלאך איך קען דיר גאר ניט ענטפערין וויל איך בין גיבליבן גאר ווי טויט פר גרוס פחד אונ ציטערנעס וואס איז גיפאלין אויף מיר פון דעם גרויסין פייער נאר איך בעט דיך טוא מיט מיר חסד שטארק מיך אונ ערלויב מיר עפעס צוא ריידין פאר מיין הער · האט דער מלאך אים אן גירירט אונ האט גיזאגט שטייא אויף אונ רייד זעה איך האב דיך גישטארקט . אונ וויא דער מלאך האט אים אן גירירט איז רבי יוסף גישטארקט גיווארין אונ איז אויף גישטאנען אונ האט זיך גיבוקט · אבער דיא תלמידים האבין זיך ניט גיקענט אויף הויבין צוא שטיין :

הט רבי יוסף אן גיהויבין צו ריידין אונ הט גיזאגט פריד צו דיין גאנצע היילינגע מחנה איך בעט דיר שטארק מיר אין העלף מיר אוים צו פירין וואס איך האב אן גיהויבין · ווארום (השי"ת) ווייסט דעם אמת אז ניט פון מיין כבוד וועגין אונ ניט פון מיין פאטערס כבוד וועגין טוא איך דאס . נאר פון וועגין דעם כבוד פון דעם לעבעדיגין גאט

**וואס ער קריגט פון דער גאנצער וועלט:**

דרום זייט מיט מיר ססבים דוא אונ דיינע הייליגע חיילות מלחמה צוא האלטין מיט עמלק אונ מיט זיין שר. אונ לערינט מיך וויא וועל איך קענען בייא קומען דיא קליפות אונ אראפ צוא נידערין דעם שטן פון דעם הימיל. אונ ארויף צוא ברייגגען דיא הייליגע מחנות צוא דער גרייטין (השי"ת) זיין נאמען. אזו וויא עס איז גיוועזן ווען דער בית המקדש איז גישטאנען. האט צוא אים דער מלאך גיענטפערט דוא ביסט גאנץ גירעכט. הלוואי וואלט מען דיך צוא גיהערט אז גאט זאל זיין מיט דיר. ווארום אלע הייליגע אונ ברענירינגע חיילות פון דעם הימיל זיצין אונ האפין ווען מען וועט זיך שוין נוקם זיין דיא נקמה פון (השי"ת). אונ דיא שכינה הקדושה זאל זיך אויף הויבין וואס זיא איז אראפ גינידערט ביז אראפ: אבער דוא זאלסט וויסין אז דאס איז זייער שווער פאר דיר אונ וואס דוא האסט גיטאן ביז היינט איז נאך גאר ניסט. ווארום ווען דוא זאלסט וויסין וויא הויך דער שטן מיט דיא קליפות זייגען וואלסטו דאך גאר ניט אן גיהויבין צו טאן דריגען. דוא וואלסט אליין גזעהן אז עס וועט אים קיינר ניט ביי קומען נאר הקב"ה אליין ווען ער וועט וועלין.

אונ איך בין נאר צוא דיר גיקומען ווייל דוא האסט מיך באשווארין מיט דעם גרויסין שם אבער איך קען דיר גאר ניט העלפין ווייל איך ווייס אליין ניט מיט וואס דער. (שטן) איז שטארק אונ מיט וואס מען קען אים צוא ברעכין. נאר דער גרויסער מלאך (אכתריא"ל) אונ זיינע חיילות. אונ דער גרויסער מלאך (סט"ט) אונ זיינע חיילות זייא ווייסין דאס. ווייל זייא היטין דעם וועג וואו דער (שטן) איז אז ער זאל ניט קענין טייטר גיין. אונ ווען ניט זייא וואלט ער גיקענט חלילה אלע יודין אום ברענגין. אבר איך האב מער קיין כח ניט צוא טאן נאר צוא היטין דעם וועג וואו דיא יודישע תפלות גייען ארויף. אונ איך גיב איבער דיא תפלות צו דיא אויבין גידאכטע מלאכים אונ זייא קענין דיר זאגין דעם כח פון דעם (שטן). איך ווייס אבער ניט וויא דו וועסט קענען אוים האלטין צוא זעהען דיא שטארקע מלאכים דעם גרויסין שטורעם אונ דם גרויסע פייער פון די מלאכים אז עס פר ברענט אנדרע מלאכים אונ אז דו האסט דיך פר מיר אזו דר שראקין ווי וועסטו קענען בלייבין לעבין אז זיי וועלין קומען. אויך ווס דו האסט דיך אפ גישייד פון דער וועלט איז נאך גאר ניסט. דוא באדארפסט נאך מער צוא טאן. דרום איז מיין עצה האק אפ דער פון וועסטו אויך האבין







שכר ווארום עס איז זייער שווער פאר דיר. נאר דעם אמת מוז איך דיר זאגין אז דוא וואלסט דאס גיקענט אוים פירין וויא מען בארף וועט דיין שכר בוודאי גאנץ גרוים זיין אונ עס וועט קיינער ניט קענען זיין אזוא גרוים וויא דוא. האט רבי יוסף גיענטפערט איך ווייס אז איך בין גאנץ קליין אונ בין ניט ווערט אזוא אזאך צוא טאן. אונ ווער בין איך אז איך זאל ריידין מיט דיא גרויסע מלאכים. נאר איך האף אז השי"ת נעמט אן אצובראכענע הארץ. אונ ער פאר שטויסט ניט די תפילה פון איין ארומן. בפרט איך האב אוף מיר גנומן אז איך זאל גיטויט ווערין פון זיין כבוד וועגין איך וויל אלעס טאן וואס מען דארף. אונ אוב איך וועל ניט אוים האלטן זאל מיין בלוט אונ פלייש זיין איין קרבן פאר השי"ת אונ זיין הייליגע שכינה. איבער דעם בעט איך דיר דוא הייליגער מלאך לערין מיך וואס איך זאל טאן אראפ צוא ברייגגין דיא גרויסע מלאכים אכתריא"ל אונ סט"ט. וויא אזוא איך זאל מיך פירין אונ וועלכע שמות זאל איך זאגין. האט דער מלאך גיענטפערט הער צוא וואס איך זאג אונ אז השי"ת וועט דיר העלפין וועסטו אוים פירין. דוא זאלסט נאך פערציג טעג פירין אזוא וויא ביז אהער מיט פאסטין אונ טובל זיין אונ לערנען אונ דאבגען. אונ אייערע גידאנקען ריינעגין מיט טראכטין הייליגע זאכין טאג אונ נאכט אונ נאך ווייניגער עסין ביז איר וועט גיוואונט ווערין גאר ווייניג צוא עסין נאר צוא שמעקין בשמים ווייל דאס איז דער עקר ערנערונג פון דער נשמה. אונ נאך פערציג טעג זאלסטו זאגין דעם שם ע"ב מיט דיא אלע כוונות וואס דוא ווייסט. אונ מיט דעם שם זאלסטו באשווערין דיא אויבין גידאכטע מלאכים אז זייא זאלין צוא דיר קומען נאר פאר דעם באשווערין זאלט איר בעטין צוא השי"ת מיט גרוים כוונה אז ער זאל אייך העלפין אונ געבין כח אוים צוא האלטין דיא גרויסע מורא אונ דאס פייער פון דיא שטארקע מלאכים כדי איר זאלט ניט שטארבין. אונ אז זייא וועלין קומען זאלסטו דיך שטארקין מיט בשמים. אונ זאלסט זייא בעטין אז זייא זאלין דיר שטארקין אזוא וויא דוא האסט איצט גיטאן. אונ זייא וועלין דיר שוין לערנען דעם וועג פון דעם שטן אונ מיט וואס דוא קענסט אים צוא ברעכין. למען השם שטארק דיר פאר דער פאלק אונ דאס לאנד פון אונזער גאט אונ ער זאל דיך היטין פון אלעם בייזין. אונ דער נאך איז דער מלאך מיט שטורעם צוריק גיגאנגען אין הימיל ארין:

**אונ דיא תלמידים פון רבי יוסף זייגען נאך גיזעגין אויף דער ערה**

פאר גרויס מורא • האט רבי יוסף צוא זייא גיזאגט שטייט אויף מיינע
ליבע קינדער אונ שטארקט זיך מיר זאלין אלע באלד טאן אזוא וויא
דער מלאך האט אונז גיהייסין • האבין זייא גיזאגט מיר זיינען גיגרייט
צוא אלעם • אונ וואול אונז וואס מיר האבין גיזעהען וואונדערליכע
זאכין אונ מיר האבין גיהערט ריידין מלאכים • חאטשי מיר זיינען
גילעגין אויף דער ערד • אונ וואס דער רבי הייסט וועלין מיר טאן •
האט רבי יוסף גיזאגט גיבענטשט זאלט איר זיין פון גאט • זייא זיינען
פון דארטין גיגאנגען דורך איין וויסטע ארט אויף איין בארג
נאהענט צוא מירון האבין זייא גיפונען איין היול אונ זיינען דארטין
גיזעסין דיא גאנצע פערציג טעג מיט קדושה אזוא וויא דער מלאך
האט זייא גיהייסין • ביז זייא האבין גאר ניט גיפילט קיין שום זאך
פון דער וועלט • אונ האבין ניט גיוואלט קוקין אויף קיין מענטשין אונ
אויף קיין בהמה •

וויא עס איז אויס גיגאנגען דיא פערציג טעג זיינען זייא גיגאנגען אין
איין וויסטין ארט ארין צוא דעם ארט וואס גייט דער טייך
קישון וואס דארטין האבין זייא זיך טובל גיוועזין דיא גאנצע צייט • אונ
האבין גידאווינט מנחה אונ גיזאגט עננו אזוא וויא פריער • אונ האבין
גיבעטין השי"ת מיט גרויס גיוויין • זייא האבין זיך אלע אן גינומען
בייא דיא הענט אונ זיינען גישטאנען אין איין ראד אונ האבין גישריען
צוא השי"ת נאך תחנון אונ האבין באשווארין דעם מלאך אכתריא"ל
אונ דעם מלאך מט"ט מיט זייער מחנה דורך דעם היילגין שם וויא
דער מלאך סנדלפון מיט זיין מחנה האבין איהם גיהייסין • אזוא
האט באלד אן גיהויבין דיא ערד צוא ציטערין עס האט גידונערט
אונ גיבלוצט אונ עס זיינען גיעפינט גיווארין דיא הימלען • דיא
מלאכים זיינען אראפ גיקומען מיט זייער גאנצע מחנה מיט גרויס כעס
אונ האבין שיר גיטייט רבי יוסף מיט דיא תלמידים • ווען זייא
וואלטין זיך ניט גישטארקט דורך דעם וואס זייא האבין זיך צוא
גיהאלטין בייא דיא הענט אונ האבין אין זינען גיהאט היילגע שמות
אבער רייד'ין האבין זייא ניט גיקענט חאטשע זייא האבין זיך
גישטארקט ווייל זייא זיינען באלד אנידער גיפאלין פאר גרויס פחד •
נאר זייא האבין זיך דאך ניט אפ גילאזין פון דיא הענט • אונ דיא
מלאכים האבין באלד אן גיהויבין צוא שרייען מיט גרויס כעס • ווער
איז דאס וואס האט גיהאט איין חוצפה זיך צוא לאזין באדינען פון
דיא נאהינטע מלאכים פון הקב"ה • וויא פאלסטו אויס דוא זינדיגער
מענטש דאס צוא טאן אונ ווער ביסטו • וויא רבי יוסף האט גיזעהען

דעם





דעם שטורעם מיט דעם גרויסין פלאם פייער וואס איז גיווארין פול אין
דער גאנצער געגינד פון דיא פייערדיגע מלאכים • אונ וויא ער האט
גיהערט זייער גרויסין כעס וויא זייא האבין אים גיוואלט דער שלאגין
איז ער גיווארין גאר שטום אונ איז גילעגין וויא טויט ער אונ דיא
תלמידים אונ האט גאר ניט גיקענט ענטפערין פר גרויס שרעק האט
דער מלאך מט"ט אין אן גירירט אונ האט גיזאגט ענטפער מיר דוא פר
שטונקענער מענטש וואס האסטו אזוא אויף גערירט אלע עולמות אונ
ווייא איז צוא דיר וואס דוא האסט ניט חס גיהאט אויף דעם כבוד
פון (השי"ת) • וויא דער מלאך האט אים אן גירירט איז ער שוין עפעס
צוא זיך גיקומען אונ האט גיענטפערט גאנץ שטיל אונ שוואך מיט צוא
גימאכטע אויגין • וואס קען איך קליינער קנעכט ריידין פאר אזעלכע
הייליגע אונ שטארקע מלאכים דרום בעט איך אייך שטארקט מיך
מיינע העררין ווארום איך האב שוין כמעט קיין נשמה האט דער מלאך
(אכתריא"ל) אים אויך אן גירירט אונ האט גיזאגט זעה איך שטארק
דיך רייד וואס דוא דארפסט •
(הקב"ה) איז רבי יוסף שוין גישטארקט גיווארין • אונ האט גיזאגט
ווייס דעם אמת אז איך האב דאס אלעס ניט גיטאן צו ביוזין
נאר פון זיין כבוד וועגין • דיא היילגע שכינה אויף צוא הייבין וואס
זיא איז איבער אונזערע עונות גאנץ נידעריג • אונ אויף אייך
שטארקע אונ היילגע מלאכים איז איין מצוה מיר צוא העלפין • איר
זאלט זיך נוקם זיין פאר דעם כבוד פון (השי"ת) אונ איך וויל גאר ניט
אז מיין נאמען זאל גירופין ווערין אויף דער זאך • דרום בעט איך אייך
היילגע מלאכים מיט דעם כח פון דעם גרויסין שם וואס אויף אים
הייגען אלע וועלטין • טוט פון כבוד(השי"ת) זיין נאמען אונ לערינט
מיך מיט וואס דער שטן איז שטארק • אונ וויא אזוא וועל איך אים
קענען צוא ברעכין • האבין אלע מלאכים מיט אמאל גיענטפערט דוא
בענטשט זייער אשווערע זאך • ווארום דוא ווייסט גאר ניט וויא שטארק
דער (שטן) איז היינט איבער דיא עונות פון די יודין • אונ ער זיצט
אזוא הויך אז עס קען אים קיינער ניט נאר מיר וויל מיר היטין דעם
וועג אז ער זאל ניט נאך ווייטער גיין • ער זיצט ארום מיט דרייא
שטארקע ווענט איבער דיא זינד פון יודין • אונ דוא וועסט אים ניט
קענען בייא קומען נאר (הקב"ה) אליין ווען ער וועט וועלין • האט רבי
יוסף גיזאגט איך האב מיך שוין איין גישטעלט דאס לעבין פון וועגין
דעם כבוד פון (השי"ת) אונ אז איך בין ברוך השם לעבין גיבליבין
נאך דעם וויא איך האב גיזעהן דיא היילגע מחנות מלאכים • האף

איך

איך אז (השי"ת) וועט מיר העלפין אונ איך וועל דיא זאך אוים פירין דרום זאגט מיר וואס איך זאל טאן · אונ איך וועל טאן אזוא וויא איר וועט מיך הייסין · האבין דיא מלאכים גיענטפערט הער צוא יוסף דיא רייד (השי"ת) ער ווים גאנץ גוט דיין גוטע כוונה · עס איז אבער נאך ניט דיא צייט אונ מען האט איין מאל גוזר גיוועזין אז מען זאל זיך ניט איין שפארין מיט גיוואלד אז דיא גאולה זאל קומען ביז (השי"ת) וועט אליין · וועלין · דרום זאלסטו וויסין אז דאס וואס מיר זאגין דיר איז נאר איבער דעם כח פון דיא הייליגע שמות וואס דוא האסט גידאכט · אבער באמת נוצט דאס גאר ניט ווארום דוא וועסט דעם (שטן) ניט קענען בייא קומען אונ עס איז גלייכער אז דוא זאלסט ניט ארײן גיין אין אזוא איין ארט וואס טויג ניט פאר דיר · אז דוא ווילסט אונז אבער נייטין מיט דעם כח פון דיא שמות וועלין מיר דיר זאגין · אונ אפשר וועסטו אוים פירין וועט דיר בוודאי וואול זיין · האט רבי יוסף גיענטפערט איר זאגט גאנץ גוט נאר וואס זאל איך טאן אז עס נעמט מיך אן ביין הארץ אז איך זעה דיא שכינה הקדושה איז אראפ גינידערט אונ איך בין מיך מקנא פר דער שטאט ציון · דרום לאז השי"ת טאן וואס ער וויל אויב איך וועל שטארבין בין איך אויך צו פרידין ; אונ איך וויל ניט אוועק גיין פון דעם וואס איך האב אן גיהויבין · אונ איר הייליגע מלאכים שטארקט מיך איך וועל ניט אנדערש טאן וויא איר וועט מיר זאגין · איך פאר זיכער מיר אן (השי"ת) אז איך וועל חלילה ניט נכשל ווערין ; האט דער מלאך (אכתריא"ל) אן גיהויבין צוא ריידין אונ האט גיזאגט דוא זאלסט וויסין פון איין זייט קעגין מיר האט דער (שטן) צוויא שטארקע ווענט איינע איז דורך איין אייזערנע וואנט פון הימיל ביז צו דער ערד אונ איינע איז דער גרויסער ים אוקיינוס וואס איז גרוים אונ ברייט · אונ דער מלאך (מט"ט) האט גיזאגט אז קעגין אים האט ער אויך איין וואנט פון איין גרויסין בארג שנייא וואס ער איז הויך ביז צום הימיל דרום גיב אכטונג אויף דעם וואס מיר זאגין דיר ווארום דו מוזט פריער אוועק שאפין דיא דרייא ווענט כדי דוא זאלסט קענען ארויף גיין אויף דעם בארג שעיר אונ אזוא זאלסטו טאן דו זאלסט פון דאנען גיין אויף דעם וועג וואס גייט צום בארג שעיר אונ מיר וועלין אויך זיין מיט דיר אז וואס דוא וועסט טאן אונטין וועלין מיר טאן אויבין ווייל דאס גישטאלט פון דיין נשמה איז מיט אונז אויבין · אונ וואס דוא טוסט טוט דיין נשמה אויף דעם הימיל · דרום זעה ניט צוא פאר פעלין איין זאך צוא טאן פון דעם וואס מיר וועלין דיר זאגין · אז דוא





ווערסט קומען אויף דעם וועג וואס גייט צום בארג שעיר זאלט איר זיך ווייטער פירין בקדושה מיט ווייניג עסין · אונ גאר אין זינען האבין הייליגע זאכין אונ תורה אזוא וויא מלאכים אונ איר זאלט גאר פאר פאר געסין דיא וועלט · אונ אויף דעם וועג וועלין אייך אנטקעגין קומען איין גרויסע שטאדע שווארצע הינט ; דאס וועט דער שטן שיקין אייך מבלבל צוא זיין איר זאלט אבער גאר ניט מורא האבין נאר איר זאלט זאגין דעם שם (הוי"ה) מיט דיא נקודות אונ דיא כוונות וויא איר ווייסט וועלין זייא אנטלויפין · אונ הער נאך וועט איר ווייטער גיין וועט זיין איין גרויסער בארג שנייא ביז צום הימיל אונ עס איז ניט דא קיין אנדער וועג זאלט איר זאגין דעם פסוק (הבאת עד אוצרות שלג) אזו וויא איר ווייסט וועט דער בארג אוים גירינין ווערין אויף איין אנדער ארט · אונ דער נאך זאגט דעם שם פון דעם פסוק (תשלג בצלמון) וועט דער בארג אין גאנצין אוועק גיין · אונ איר זאלט ווייטער גיין מיט גרוים כוונה ביז איר וועט קומען ביז צום ים אוקיינוס וואס דאס וואסער רויסט אזויפהויך ביז צום הימיל זאלט איר זאגין אלע שמות פון דעם מזמור (הבו לה' בני אלים מיט דיא נקודות אזו וויא איר ווייסט וועט דער ים טרוקין ווערין אונ איר וועט אריבער גיין · אונ דער נאך וועט איר טרעפין דיא אייזערנע ווענט פון דער ערד ביז צום הימעל זאלסטו נעמען איין מעסער אונ אויף שרייבין דעם שם פון דעם פסוק (חרב לה' ולגדעון) מיט דיא נקודות אזוא וויא דוא ווייסט אונ דוא זאלסט שניידין מיט דעם מעסער אין דער וואנט אונ מאכין איין טויער אונ אריין גיין נאר איר זאלט זעהען איין צוא האלטין דעם טויער ביז אלע וועלין אריבער זיין ווארום דער טויער וועט זיך באלד אליין צוא ריק צוא מאכין אונ דער נאך זאלט איר גיין צום בארג שעיר · אונ דערמאלט וועלין מיר שוין דעם שטן אראפ ווארפין פון זיין ארט ער וועט שוין זיין אין דיין האנט · אונ דוא זאלסט האבין אן גיגרייט דעם שם המפורש אוים גיקריצט אויף איין בלייענע בלעך אונ אויף נאך איין בלעך זאלסטו אויף שרייבין דעם שם פון דעם פסוק (ויאמר זאת הרשעה וישלך אותה אל תוך האיפה וישלך את אבן העופרת אל תוך פיה) אונ דוא זאלסט שרייבין דעם שם מיט דיא נקודות אזוא וויא דוא ווייסט אונ דער נאך זאלסטו גיין אויף דעם בארג וועסטו דארטין גיפינען (ס"ם) הרשע דעם שטן מיט זיין ווייב (לילית) אונ דוא זאלסט זייא זוכין ווייל זייא וועלין זיך באהאלטין פון דיר אין איין פוסטקע דוא וועסט זייא דארטין גיפינען פאר שטעלט וויא צוויי שווארצע הינט איין זכר אונ איין נקבה

זאלסטו באלד צוא גיין צוא זייא אונ גאר ניט מורא האבין אונ זאלסט
אן טאן דעם זכר דיא בלעך אונ זאלסט זייא אן טאן אין קייטין אויף
דיא העלזער וואס דיא בלעכין זאלין היינגען אויף זייא ווערין זייא מיט
זייער גאנצער מחנה דיר נאך גיין דעמאלט האסטו שוין אלעס אויס
גיפירט · אונ דוא זאלסט זייא בריינגען צום דין אויף דעם בארג שעיר
ווערט דארטין גיבלאזין ווערין מיט דעם גרויסין שופר אונ משיח וועט
קומען · אונ דיא טומאה וועט אוועק · גיין פון דר וועלט · אונ
הקב"ה וועט דעם שטן שעכטין פאר דיא צדיקים · עס וועט זיין דיא
גאולה שלימה אונ השי"ת וועט קיניגין · אונ אז דוא וועסט אלעס טאן
וויא מיר זאגין וועט זיין וואול צוא דיר אונ צוא דיין נשמה · אבער
דוא זאלסט גיווארינט זיין דיא אלע כוונות אין זינען צוא האבין אונ
ניט מפסיק זיין אפילו איין רגע דוא אונ דיינע תלמידים אונ אז דוא
וועסט שוין האבין ס"ם דעם שטן מיט זיין ווייב אונ דיין האנט אונ
זייא וועלין דיך בעטין דוא זאלסט זייא געבין עפיס צוא עסין אדר צוא
טרינקען אדער איין אנדרע ערנערונג זאלסטו זיין למען השם גאר גיסט
געבין זייא מעגין דיך וויא בעטין דוא זאלסט שטארק גיווארינט זיין
דרינען ווארום אפילו דוא וועסט זייא האבין אין דער האנד מוזטו זיך
שטארק היטין אונ השי' זאל דיר העלפין אונ דיך אפ היטין פון אלים
בייזין די היילגע מלאכים זיינען אוועק גיגאנגען אונ ר' יוסף האט זיך
גיקניט אונ גיבוקט אבער דיא תלמידים זיינען נאך גילעגין ביז דיא
מלאכים זיינען אוועק גיגאנגען אונ וויא זייא זיינען אוועק גיגאנגען
זיינען זייא אויף גישטאנען מיט גרויס שמחה אונ ר' יוסף האט זיך מיט
זייא מסדר גיוועזען אלע שמות מיט דיא כוונות אונ גימאכט די בלייענע
בלעכין אזוי וויא מען האט זייא גיהייסין אונ זיינען גיגאנגען צום
בארג שעיר אויף דעם וועג האבין זייא גיטראפין איין גרוסע שטאדע
הינט וואס זיינען אוף זייא אן גיפאלין פון אלע זייטין האבין זייא
גיזאגט דעם שם וואס מען האט זייא גיהייסין זיינען דיא הינט אוועק
גילאפין אונ מען האט זייא ניסט מער גיזעהען זיינען זייא ווייטער
גיגאנגען איין טאג רייז האבין זייא געגין אבענד אן גיטראפין איין
שטארקען בארג שנייא פון הימיל ביז צוא דער ערד זייא האבין זיך
אבער באלד גישטארקט מיט דיא אויבין גידאכטע שמות איז דער
בארג אויס גירויסין גיווארין אונ האבין דארטין גינעכטיגט אין דער
פריא זיינען זייא ווייטער גיגאנגין צווייא טעג דעם דריטין טאג אין
דער פריא האבין זייא גיטראפין דעם גרוסין ים וואס האט גישטורעמט
ביז צום הימיל האבין זייא גידאכט דיא שמות וויא אויבין איז

גישטאנען





גישטאנען זיינען זיי אריבער גינאנגען דעם ים טרוקין ארום האלבין
טאג זיינען זיי גיקומען צוא דער אייזערנע וואנד וואס איז גיוועזן
הויך פון דער ערד ביז צום הימיל האט ר' יוסף גינומען דעם מעסער
וואס איז גיוועזן אויף אים גישריבין דער אויבין גידאכטער שם אונ
האט געשניטין דו וואנד וואס איז גיוועזן איין פויסט דיא גרעב אונ
גימאכט איין טיר האבין זייא אן גיהאלטין דיא טיר ביז אלע פינף
תלמידים זיינען אריין גיגאנגען דער ווייל האט ר' יוסף אפ גילאזין
דיא טיר אונ דיא פוס פון דעם תלמיד האט זיך איין גיקוועצט האט
ער אן גיהויבין צוא שרייען רבי מיין פוס האט ר' יוסף נאך איין
מאל גישניטין מיט דעם מעסער אונ גיעפינט דיא טיר ביז ער האט
ארויס גינומען דיא פוס · פון דארטין זיינען זייא ארויף גיגאנגען
אויף דעם בארג שעיר האבין זייא געגין אבענד גיפונען איין גרויסין
פלאץ פול פוסטקעס אונ האבין גיהערט וויא הינט בילין זיינען זייא
אריין גיגאנגען אין איין פוסטקע האבין זייא גיזעהן צווייא גאנץ
גרויסע שווארצע הינט באהאלטין זיך דארטין אונ וויא זייא זיינען
צו גיגאנגען האבין זייא אן גיהויבין ארויף צוא שפרינגען אונ זיי איין
צוא שלינגען · האט ר' יוסף באלד דער קענט אז דאס איז ס"ם אונ
לילי"ת האט ער אים אן גיטאן דיא בלעך מיט דער רעכטע האנד אונ
איר דיא אנדערע בלעך מיט דער לינקער האנד אונ דיא תלמידים
האבין גיהאט שטריק וואס זייא האבין אן גיבונדין אין דיא בלעכין ·
וויא ס"ם אונ לילי"ת האבין גיזעהען אז עס איז שלעכט מיט זייא
האבין זייא אויס גיטאן דאס הינטעשע גישטאלט אונ האבין שוין אויס
גיזעהען וויא מענטשין מיט פליגיל פול מיט פייערדיגע אויגין אונ
האבין גיבעטין ר' יוסף ער זאל זייא געבין עפעס צוא עסין זייא האבין
גיזאגט מיר אונ אונזערע מחנות זיינען דאך שוין אין דיין האנד
גיבונדין אונ מיר האבין שוין נאר קיין כח טוא מיט אונז וואס דוא
ווילסט נאר גיב אונז עפעס צוא עסין ווייל מען האט אונז אראפ
גיווארפין פון אויבין וואו מיר האבין זיך ערנעהערט פון אונטער דער
הייליגער שכינה האט ר' יוסף גאר ניט גיוואלט געבין אזוא וויא דיא
מלאכים האבין אים פאר זאגט אונ זיינען גיגאנגען מיט זייא זייער וועג
ר' יוסף מיט דיא תלמידים האבין גיך גיפרייט אונ ס"ם מיט לילי"ת
מיט זייער מחנה זיינען גיגאנגען אונ גיוויינט האט זיך ר' יוסף זייער
גיפרייט אונ אן גיהויבין גרויס צוא ווערין ביי זיך אונ האט גיזאגט
צוא דיא תלמידים ווער וואלט דאס גלייבין אז מיר וועלין אזעלכעס
אויס פירין דאך וועט היינט מקוים ווערין דער פסוק (ישמחו השמים

ותגל

ותעל הארץ ויאמרו בגוים יי מלך) דאס איז טייטש דיא חיטעל העלי זיך פריין · דער נאך האט ס"ם מיט לילי"ת נייטער שטארק גיוויינט אונ גיבעטין זיין הער איך וייס אז דוא ועסט אלץ אוים פירין אונ איך מיט זייגע מחנות האבין שוין גאר קיין כח ניט גיב אונז דאך עפעס צוא דער האלטין אונזר לעבין ווארום מיט וואס ועלין מיר לעבין ביז מיר ועלין אהין קומען צוא גיין האט. ר' יוסף גיענטפערט איך ועל גאר ניט געבין אזו וויא מען האט מיר גיהייסין וויא זייא זענין שוין נאהענט גיוועזן צום בארג שעיר האט ר' יוסף גינומען אשטיקיל בשמים צוא שמעקין האט ס"ם גיזאגט אז דוא ווילסט מיר ניט געבין צו עסין גיב מיר צום ווייניגסטין פון דיא בשמים איין שמעק צוא טאן האט ר' יוסף אים גיגעבין צו זיין נאז איז באלד ארוים איין פונק פון דער נאז פון ס"ם אונ האט פאר ברענט דיא בשמים אונ דר רויך איז אים גיגאנגען אין דער נאז אריין אזו האט ער באלד צוריסין דיא שטריק אונ אראפ גיווארפין דיא בלעכין אונ ער מיט זייגע חיילות האבין אן גיהויבין צוא שלאגין דיא תלמידים זייגען צוויא תלמידים געשטארבין פון גרוים געשרייא וואס ס"ם מיט דיא חיילות האבין גימאכט פאר גרוים שמחה · אונ צוויא זייגען משוגע גיווארין עס זייגען איבער גיבליבין ר' יוסף אונ איין תלמיד מיד אונ זייער צו מיטשי אונ אין דער רגע איז גיווארין דער בארג פול רויך אונ פינסטער · אונ עס איז ארוים איין קול פון דעם הימיל אונ האט גיזאגט וויא צוא דיר יוסף וואס דוא האסט ניט אפ גיהיט וואס דוא האסט גידינט עבודה זרה אונ גידעמפט קטורת פאר ס"ם ער וועט דיך דער פאר פר טרייבין פון דער וועלט אונ פון יענער וועלט דען מיט דעם וואס ער הט אים דיא בשמים גיגעבין דינט ער עבודה זרה אונ עס איז דורך דעם בטל גיווארין דער כח פון דיא היילינגע שמות וואס אויף דיא בלעכין · דיא מלאכים האבין אים דרום דאס פאר זאגט אונ ער האט בעונותינו הרבים ניט גיפאלגט · ר' יוסף מיט דעם איינעם תלמיד וואס איז גיבליבין זייגען אויך גאנץ שוואך גיוועזין האבין זייא גירוהט צוויא שעה אונטער איין בוים דער נאך האבין זייא באגראבין דיא צוויא גישטארבענע תלמידים אונ זייגען צוריק גיגאנגען אהיים · זייער גישטאלט איז זייער פאר ענדערט גיווארין אונ דיא צוויא תלמידים וואס זייגען משוגע גיווארין איז אריין איין שד אין זייא אונ מען האט ניט גיוואוסט וואו זייא זייגען אהין גיקומען ביז נאך איין חודש זייגען זייא גיקומען קיין צפת אונ זייגען דארטין גישטארבין פון דיא יסורים וואס דיא שדים האבין זייא אן גיטאן ביז צום טויט · דר נאך איז ר' יוסף



יוסף גיגאנגען קיין צידון אונ איז דארטין גיווארין איין רשע ווייל ער האט גיזעהען אז ער האט זיין זאך ניט אוים גיפירט אונ דער צוא האט ער גיהערט דאס אויבין גידאכטע קול פון הימיל האט ער פאר שטאנען אז ער וועט שוין קיין עולם הבא אויך ניט האבין דרום האט ער זיך מטמא גיוועזן מיט אלע מיני טומאות בפרט מיט לילי"ת המרשעת דיא היילינגע שמות וואס ער האט גיקאנט האט ער באנוצט צוא בייזין ער האט דורך זייא באשווארין דיא שדים מיט דיא רוחות זייא זאלין אים ברייגגען וואס ער וויל :

איין מאל האט ער ליב גיקראגין דאס ווייב פון איין שר פון כותים האבין זייא איר צוא אים גיבראכט אלע נאכט אונ אין דער פריא האט ער גיהייסין טראגין צוריק ביז דיא פרוי האט דאס דער ציילט דעם מאן האט ער גישיקט נאך דיא כישוף מאכער זייא זאלין היטין בייא דר נאכט אין דעם חדר פון דער פרויא · אונ זאלין ניט לאזין דיא שדים זיא נעמין מיט דעם כח פון דיא שמות הטומאה וואס זיי ווייסין האבין זייא אזו גיטאן אונ בייא דער נאכט וויא זיי זייגען גיקומען זיא נעמען האבין דיא כישוף מאכער זייא באשווארין זיי זאלין ניט נעמן אונ זייא זאלין זאגין ווער עס שיקט זייא האבין זייא גיזאגט מיר זייגען גישיקט פון ר' יוסף וואס וואוינט אין צידון וויא דער שר האט דאס גיהערט האט ער גישיקט איין שליח מיט איין בריף אונ מתנות צום שר פון צידון ער זאל שיקין דעם ר' יוסף כדי ער זאל זיך קענען אן אים נוקם זיין · דיא שדים האבין אבער ר' יוסף דאס פריער גיזאגט איידער דער שליח איז אן גיקומען קיין צידון האט ער זיך פאר צרות אריין גיווארפין אין ים אונ איז גישטארבין · אונ אויך דער פינפטער תלמיד איז איבער גיבליבין קראנק אונ האט קיין רפואה ניט זייגע גלידער ציטערין אונ האב ניט קיין מנוחה פון דיא שדים · איך האב דיא מעשה אויף גישריבין מען זאל גידיינקען אונ השי"ת זאל זיך מרחם זיין אין זאל מיך היילין דאס שרייבט דער תלמיד יהודה מאיר וואס ער איז גיוועזן דער בייא דער פארכטערליכע מעשה פון ר' יוסף דילה ריינה ·

ע נ ד ע